# קרית ברסלב בלעטל

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך

**מוסדות היכל הקודש**

**קרית ברסלב ליבערטי**

בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

**פרשת בשלח, י"ג שבט תש"פ לפ"ק**

**שנה א' גליון י"ט**


**זמנים**

(Liberty)

הדלקת הנרות..........5:03

מוצאי שבת קודש..........6:35

## א מעשה פון תפלה

### יוסף שניטצלער

1) מיין קינד האט זיך אויסגעשפארט אין די קאר און איך האב נישט געקענט עפענען די קאר מיט די רימאט ווייל די בעטערי פון די קאר האט נישט געארבעט, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל קענען ארויסנעמן מיין קינד ווי שנעלער, און שכח אייבערשטער אז איינער איז אריבער געקומען און אויסגעטראפן א וועג וויאזוי צו עפענען די טיר זייער שנעל און אזוי איז מיין קינד ארויסגעקומען פון די קאר שנעל און אומגעשעדיגט ברוך השם.

2) איך האב געדארפט א קאר צו פארן צו די שטאט איך האב נישט געוואלט פארן מיט מיין קאר מפני כמה סיבות, האב איך געבעטן די אייבערשטער איך זאל האבן א קאר אבער נישט אז איך זאל דארפן יענעם בעטן, נאר איינער זאל זיך אליין אנטראגן מיך צו געבן זיין קאר, און שכח אייבערשטער אז מיין שווער איז צוגעקומען צו מיר אז אויב וויל איך אריין פארן אין שטאט קען איך ניצן זיין קאר, שכח אייבערשטער!

### אברהם הערש וועבערמאן

עס האט אריין גערונען וואסער אין מיין בעיסמענט, איך האב פרובירט צו פיגורן פון ווי עס קומט אריין און פארוואס, ביזערווייל האב איך עס קודם אויסגערייניגט פון וואסער, אבער די נעקסטע טאג איז ווייטער געווען די בעיסמענט פול מיט וואסער, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן ער זאל רחמנות האבן אויף מיר עס זאל מיר נישט חרוב ווערן מיין הויז און עס זאל נישט דארפן זיין קיין גרויסע געלטער צו פיקסן, למעשה איז מען ברוך השם געוואר געווארן וואס די פראבלעם איז, און מען האט געטראפן א וועג ווי אזוי עס צו פיקסן פאר נישט קיין גרויסע געלטער, און ברוך השם אז די הויז איז נישט געווארן חרוב פון די וואסער. שכח אייבערשטער פאר דעם.

## נייעס אין שטעטל

די פארגאנגענעם זונטאג מיטאג איז פארגעקומען גאר א שיינעם מסיבה פאר די משפחות וואס וואוינען אין שטעטל און אויך פאר געציילטע משפחות וואס גייען קומען בקרוב וואוינען אין שטעטל, מען האט געהאט די זכיה אז די ראש ישיבה שליט"א איז ארויסגעקומען זיך משתתף זיין ביי די מסיבה.

די מטרה פון די מסיבה איז געווען צו איבערגיין מיט'ן עולם ווי מען האלט מיט האבן א מוסד פאר די קינדער פונעם שטעטל.

געעפענט די מעמד האט ר' העניך אינדיג נ"י וואס האט אויפגענומען דעם גאנצן עולם מיט א ברוכים הבאים בשם השם. דערנאך האט ער מכבד געווען דעם ראש ישיבה שליט"א צו זאגן דעם דבר המעמד.

די ראש ישיבה שליט"א האט אנגעהויבן מיט דעם אז די אחריות צו האבן א מוסד פאר די קינדער דארף זיין יעדן איינעמ'ס באזונדער, די ראש ישיבה האט אויסגעשמועסט אז מען האלט שוין נענטער ווי ווייטער צו האבן א גרויסע שיינע בילדינג פאר די חדר און די סקול, אבער דאס ווענדט זיך אין די משפחות אליין, אונז אלע דארפן זעהן עס זאל זיין די געלט פאר דעם כדי מען זאל דאס קענען אפקויפן בשעה טובה ומצלחת.

ווען מוהרא"ש איז אוועק האב איך אסאך געוויינט פארוואס איך האב נישט אלעס אוועק געגעבן פאר מוהרא"ש כדי ער זאל נאך קענען אטעמען נאך אביסל אויף דער וועלט.

אלע צדיקים האבן געעפנעט א שטעטל, דאס איז געווען ביי יעדן איינעם א עיקר, בפרט ביים הייליג'ן סאטמארער רבי זי"ע וואס ער האט זיך אויסגעדריקט סוף ימיו "אויב האב איך נישט קיין שטעטל האב איך נאך גארנישט אויפגעטוהן אויף דער וועלט", און אזוי אויך אלע צדיקים האבן זיי שווער געארבעט צו קענען האבן א אידישע שטעטל, זיי זענען ממש קראנק געווארן פון דעם, בפרט מוהרא"ש וואס אונז אלע ווייסן ווי ער האט זיך אזוי געמוטשעט צו עפענען דעם שטעטל יבנאל אין ארץ ישראל, אבער אונז האט די ראש ישיבה אויסגעפירט ווען שוין זיך נישט דארפן אזוי מוטשענען ווייל מוהרא"ש האט זיך שוין געמוטשעט פאר אונז.

ברוך השם מען הערט צוריק זייער גוטע גריסן פון די קינדער דא אין שטעטל אז זיי לעבן מיט'ן אייבערשטן, מען האט געפרעגט איינע פון די קינדער צו ער האט מער ליב די וויליאמסבורג הויז אדער די שטעטל הויז? זאגט ער: **איך האב ליב די אייבערשטער.** דאס איז איינע פון די מעשיות וואס ברענגט ארויס וואס מען לייגט דא אריין אין די קינדער.

**די אייבערשטער זאל העלפן מען זאל זוכה זיין צו אויפציען אונזערע קינדער מיט'ן הייליג'ן רבינ'ס עצות.**

**מודעה**

לכבוד די הילולא פון אונזער הייליגער רבי מוהרא"ש זי"ע

וועט פארקומען א סעודת הילולא ביי אונז אין בית המדרש

דינסטאג אויפדערנאכט אור ליום י"ז שבט תש"פ

אום 7:30 אויפדערנאכט

ת.נ.צ.ב.ה

# בריוו פון דעם ראש ישיבה שליט״א

בעזרת ה׳ יתברך - יום ה׳ פרשת קרח, ב׳ דראש חודש תמוז, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד ... תחי׳, תלמידה בית פיגא ברסלב.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר״ן, חלק א׳, סימן יח): דער וואס דרייט איבער פון כעס אויף רחמנות איז זוכה צו א גוט לעבן; יעדעס מאל מען האט צוטון מיט א צווייטן מענטש, אויב מען לייגט אריין אין די מעשה דאס ווארט ״רחמנות״, דאן טוישט זיך די גאנצע מעשה.

**די גאנצע לעבן טוישט זיך אויב מען קוקט אויף א צווייטן מיט רחמנות;** ווען מען האט צוטון מיט א שווערע מענטש און מען שפירט ווי מען קען עס מער נישט נעמען, דארף מען טראכטן: ׳איין מינוט, ער איז דאך אזא רחמנות, ער ליידט דאך דאס מערסטע פון זיך אליין׳, דעמאלט פאלט אוועק די שנאה, מען דאנקט און לויבט דעם אייבערשטן אז מען האט נישט די שלעכטע נאטור וואס דער אנדערער האט.

דעריבער בעט איך דיר זייער, זאלסט זיך נישט צו טון מאכן ווען איינער שאפט אויף דיר; דו טראכט צו זיך איין ווארט: ׳נעבעך...׳ אז יענער קומט נאכאמאל און שרייט אויף דיר: ״וואס טוסטו נישט דאס? וואס טוסטו נישט יענץ?״, און דו שפירסט שוין ווי דו קענסט עס מער נישט נעמען, טראכט די איין ווארט: ׳נעבעך... יענער איז אזא רחמנות, יענער ווייסט נישט ווי אזוי צו רעדן; יענער מיינט אז די וועלט איז זיינס וכו׳, יענער טיילט איין פאר אנדערע וואס צו טון וכו׳״.

דו האסט אודאי געהערט פונעם גרויסן מפיץ ר׳ שמואל דוד יונגרייז זכרונו לברכה, ער איז געווען זייער א גרויסער מענטש; איינמאל איז ער געגאנגען הפצה אין די פאנעוויטשע ישיבה אין בני ברק, ווען פלוצלינג קומט צו אים צו א בחור און הייסט אים ארויס גיין פון ישיבה, ער האט אים געטשעפעט און געטשעפעט ביז ר׳ שמואל דוד ז״ל האט זיך ארויס געכאפט א ווארט פון זיין מויל: ״דו וועסט נאך ווארטן יארן לאנג פאר דיין שידוך!״ ווען ר׳ שמואל דוד ז״ל איז ארויס פון בנין הישיבה האט אים זייער וויי געטון פארוואס ער האט געדארפט זאגן א שלעכט ווארט פאר יענעם בחור און ער האט נישט געהאט קיין מנוחה דערפון. ער איז צוריק אריין אין ישיבה אים אויפזוכן און געוויינט פאר אים ער זאל אים מוחל זיין, ביז דער בחור האט אים געזאגט: ״איך בין דיר מוחל נאר אז דו גייסט שוין ארויס פון דא״.

זעט מען פון דעם ווי אזוי א ברסלב׳ער חסיד לעבט; ער קוקט מיט אנדערע אויגן אויף א צווייטן. אנשטאט ווערן ברוגז אויף יענעם און ווארטן יענער זאל אים איבער בעטן, קוקט ער אויף יענעם מיט רחמנות׳דיגע אויגן און בעט יענעם איבער. צו דעם קומט מען צו אז מען לעבט מיט אמונה; מען לויבט און דאנקט דעם אייבערשטן אויף יעדע פרט אין לעבן, אזוי ווי דער הייליגער ״תם״ האט זיך געפירט, ער איז געווען שטענדיג פרייליך און נישט געקוקט וואס א צווייטער זאגט.

זארג נישט פאר דיין שידוך; נאך אביסל וועסטו טרעפן דיין זיווג. דו בעט דעם אייבערשטן ווייטער אז דו זאלסט אויפשטעלן א שטוב וואו מען וועט לעבן מיטן אייבערשטן און מיט אמונת צדיקים.

בעזרת ה׳ יתברך - יום א׳ פרשת אמור, ז׳ אייר, שנת תשע״ט לפרט קטן

לכבוד מיין טייערער ליבער ... נרו יאיר.

איך האב ערהאלטן דיין נדבה פאר די ישיבה, יישר כח.

איך דאנק דיר פאר אלעס וואס דו העלפסט מיר צו פארשפרייטן די הייליגע ליכטיגע עצות פון רבי׳ן פאר די גאנצע וועלט.

**עוסק זיין אין ״הפצה״ איז העכער פון אלצדינג.** היינטיגע צייטן איז גרינגער אין א געוויסע זין דער ענין פון הפצה, ווייל מען דארף זיך נישט ארומשלעפן אין די היץ און אין די קעלט, מען קען זיצן אין שטוב מיט א ווארעמע טרונק - ווינטער, און זומער מיט א קאלטע טרונק און פארשפרייטן חיזוק פאר די גאנצע וועלט - מיט דעם וואס דו טוסט מיט די ״האט ליין״ פון קול ברסלב, וואס צענדליגער טויזנטער מענטשן - בעיקר בחורים, מיידלעך, יונגעלייט און יונגע ווייבלעך רופן אריין טאג טעגליך, און דאס געבט זיי לעבן, עצות, חיזוק און הדרכה ווי אזוי צו קענען אנגיין מיט׳ן לעבן.

אזוי אויך מיט די וועבסייט - וואס די ביסט דארט מפרסם די שאלות ותשובות בריוון און די חיזוק יומי דרשות, וכו׳, וכו׳, פאר טויזנטער מענטשן, און אויף אלע אנדערע וועגן.

דער אייבערשטער זאל דיר געבן כח ווייטער עוסק צו זיין אין די הייליגע ארבעט; מען טאר נישט אונטערברעכן פון שוועריקייטן, די שוועריקייטן וואס דער ס״מ ברענגט אלץ מיט א פרישקייט כדי דער מענטש זאל אונטערברעכן און אויפגעבן.

גלייב מיר, אויף מיר גייט אויך איבער שווערע ביטערע נסיונות וכו׳, וכו׳, - וואס טו איך? **איך דערמאן זיך פון מוהרא״ש**, איך דערמאן זיך פון דעם עצה - התבודדות, איך וויין זיך אויס צום אייבערשטן. דאס איז וואס געבט מיר כח אנצוגיין אין מיין לעבן.

זאלסטו דאס אויך טון, דערצייל פאר׳ן אייבערשטן אלעס וואס גייט אריבער אויף דיר, שמועס מיט אים אזוי ווי מען שמועסט מיט א גוטער חבר - וועסטו האבן כח אין לעבן, און קיין שום זאך וועט דיר נישט קענען צעברעכן.

וואס זאל איך דיר זאגן, מיר זענען אזוי גליקליך אז מיר האבן אזא גרויסע רבי מיט אזעלכע גרויסע תלמידים וואס געבן אונז פשוט לעבן.

אויב דו קענסט ענדיגן מגיה זיין ״אשר בנחל חלק ב׳״ און ענדיגן די מפתחות; ווייל איך וויל דאס דרוקן. נדרי לה׳ אשלם, איך האב צוגעזאגט פאר מוהרא״ש אז איך וועל דאס דרוקן און פארשפרייטן פאר אלעמען, ווייל איך בין מקורב געווארן דורך דעם ספר ״אשר בנחל חלק כ״ז״. איך האב געלערנט דעם ספר נאכאמאל און נאכאמאל, דאס האט מיר געטוישט מיין לעבן. דערפאר וועל איך דאס פארשפרייטן אז נאך מענטשן זאלן זוכה זיין צו א זיס לעבן.

iSecure
For all your low voltage technology needs.

Motty Heimlich
Phone: 347-738-1041
Email: motty@isecureny.com

HURLEYVILLE
LEASING
AUTO SALES & LEASING
845.720.0041
SALES@HURLEYVILLELEASING.COM